ווינטען צו ווינטען: טראַג, טראַג, טראַג!
שחר צו שחר: טאָג, טאָג, טאָג!

באַרג זאָגט צו באַרג: ער שטעהט! ער שטעהט!
וועג זאָגט צו וועג: ער געהט! ער געהט!

שטויב זאָגט צו שטויב: זיינע טריט! זיינע טריט!
גייסט זאָגט צו גייסט: זיין געמיט, זיין געמיט!

גראָז זאָגט צו גראָז: שטילערהייט, שטילערהייט!
וואַלד זאָגט צו וואַלד: זיי גרייט! זיי גרייט!

ים זאָגט צו ים: עס ציטערט דער לויתן!
הימעל זאָגט צו ערד: עס קומט אָן דיין חתן!

# וואָס וויל יבנה?

(דיאַלאָג)

— וואָס וויל יבנה?

— „יבנה" וויל אויפלעבען דעם אַלטען חסידיזם פונ'ם בעש"ט: און אוועקשטעלען איהם אויף יסודות, וואָס זענען מעהר צוגעפּאַסט, צו יעצטיגער צייט פון עקבתא דמשיחא.

— און וואָס איז באַשטאַנען דער אַלטער חסידיזם פונ'ם בעש"ט?

— אין דריי אהבות: אהבת המקום, אהבת ישראל און אהבת התורה.

— ווי האָט דער בעש"ט פערשטאַנען „אהבת-המקום"?

— ביז'ן בעש"ט האָט מען פערשטאַנען אפילו די ריינסטע „אהבת המקום" (און נור וועגען ריינער אהבה רעדט זיך דאָ, ווייל וועגען די, וואָס האָבען ליעב דעם אויבערשטען נור דערפאַר, וואָס ער גיעט זיי געזונד, אריכות ימים, עושר וכבוד, — רעדט מען דאָ בכלל ניט), נור ווי איינער האָט ליעב אַ „מלך מפואר" אָדער ווי איינער האָט ליעב אַ „חכם גדול", אין בעסטען פאַל, ווי איינער האָט ליעב זיין פאָטער. איז אָבער געקומען דער בעש"ט און האָט געלערענט, אַז מען דאַרף ליעב האָבען מיט אַ געוואַלדיגען צמאון, מיט אַ געוואַלדיגען ברען, מיט אַ געוואַלדיגער ליידענשאַפט, וואָס פילט אָן די גאַנצע נשמה מיט'ן גאַנצען קערפּער אַזוי, אַז עס בלייבט פאַר עטוואָס אַנדערש גאָר קיין שום אָרט ניט.

— איז געווען דער בעש"ט דער ערשטער, וואָס האָט אַזוי אויפגעפּאַסט די ליבשאַפט צו השי"ת?

— שוין גאַנץ לאַנג פאַר'ן בעש"ט זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען פערשטאַנען „אהבת ד'" ווי אַ ליידענשאַפט, כל זמן דער מענש איז נאָך אין קערפּער און האָט ניט קיין כלות הנפש בפועל ממש.

— ווער זענען זיי געווען?

— ר׳ אליעזר רוקח, ר׳ יהודה החסיד און אין די צייטען פונ׳ם בעש״ט, — רבי חיים בן עטר.

— און ווי האָבען פערשטאַנען „אהבת ד׳״ אַזעלכע מאורי-ישראל, ווי רבינו בחיי אבן-פקודה, רמב״ם און פיעל אַנדערע?

— זיי האָבען די „אהבה״ אויפגעפאַסט אַלס אַקט פון שכל, פון הכרה, פון ידיעה.

— און ר׳ אליעזר רוקח, רבי יהודה חסיד, בן-עטר און בעש״ט אָנערקענען גאָר ניט אין „אהבה״ קיין שכל, קיין הכרה און קיין ידיעה?

— זיי פאָדערען אויך שכל, הכרה און ידיעה. זיי פאָדערען אָבער דערביי, אַז די אהבה צום אויבערשטען זאָל איינשליסען דעם גאַנצען מענשען: זיין רצוא דרעווין (דער אויבערשטער ווילען, דער ווילען איבער אַלע ווילענס), אַלע זיינע אייצנעלנע רצונות, אַלע זיינע חושים, זיין גאַנצען חשק, זיין גאַנצען לעבענס-לוסט, אַלע זיינע מחשבות, אַלע זיינע דבורים און אַלע זיינע מעשים!

— האָבען זיי נור פון זייערע אייגענע נשמות אַרויסבעקומען אַזאַ אַלץ-אויפעסענדיגע אהבה אָדער זיי האָבען זיך דערביי געשטיצט אויך אויף די קדמונים?

— זיי האָבען אַזאַ אהבה געזעהן ביים משורר:

כאיל תערוג על אפיקי מים כן נפשי תערוג אליך אלקים...

צמאה נפשי לאלקים לאל חי...

מי לי בשמים ועמך לא חפצתי בארץ...

כלה שארי ולבבי צור לבבי וחלקי אלקים לעולם...

— ווען רוקח, ר׳ יהודה החסיד, בעש״ט און בן-עטר האָבען עס געזעהן ביים משורר, וואָס האָבען זיי דאָ ווידער אויפגעטהון?

— די ווערטער פונ׳ם משורר ווייסען אַלע. מען נעהמט עס אָבער אָן נור פאַר אַ שירה פון אַן׳אויסגעוועהלטען אין בעזונדערע מינוטען פון רוח הקודש, זענען געקומען רוקח, ר׳ יהודה חסיד, בן-עטר און בעש״ט און האָבען דערפון געמאַכט אַ גויטווענדיגקייט פאַר יעדען איינציגען אין יעדער שעה און אין יעדען אויגען-בליק אַזוי ווי לופט צו אָטעמען.

— און וואָס זשע האָט דאָ מחדש געווען דער בעש״ט בעזונדער?

— ביים רוקח, ביי ר׳ יהודה החסיד און ביי ר׳ חיים בן-עטר איז די דערמאָהנטע אַלץ-אויפעסענדע אהבה, דאָך נור אַ „מצות עשה״ ווי אַלע אַנדערע „מצות עשה״. ביים בעש״ט איז עס אָבער, — אַ יסוד פון אַלץ. ער הערט ניט אויף צו ריידען וועגען איהר אין אַלע זיינע תורות, מעשיות און ווערטלעך.

— און ווי האָט דער בעש״ט פערשטאַנען „אהבת-ישראל״?

— אַמאָל האָט דער בעש״ט געזאָגט צו איינעם: „מעגסט מיר גלויבען. איך האָב ליב דעם ערגסטען יודען אין דער וועלט פיעל מעהר ווי דו האָסט ליעב דיין בעסטען קינד״...

אָט דאָס האָט ביים בעש״ט געהייסען „אהבת ישראל״.

— און וואָס האָט ביים בעש״ט געהייסען „אהבת התורה?״

— אויב מען זאָל פערשטעהן אונטער „תורה״ נאָר דאָס לערנען מיט חריפות, בקיאות און עמקות דאַן קען מען געפינען אַזאַ „אהבת-התורה״ אויך ביי אַנדערע גאונים און צדיקים, און אפשר נאָך מעהר ווי ביים בעש״ט. די „אהבת-התורה״ פונ׳ם בעש״ט ריהרט אָבער אָן איבערהויפט דעם אור תורה, דעם אור הגנוז, די דביקות בד׳ יתברך דורך די אותיות התורה.

די „עולמות, נשמות ואלהות", וואָס זענען דאָ אין יעדען אות און פון די אותיות ווערען ווערטער און פונ'ם צירוף פון די ווערטער ווערען יחודים נוראים, וואָס זענען מקרב ביאת המשיח.

— און פאַרוואָס הייסט אַלץ ביי דיר „אומקעהרען זיך צום אורשפּרינגליכען חסידיזם" פונ'ם בעש"ט? פאַרוואָס זאָגסטו ניט איינפאַך: „צום חסידיזם"?

— ווייל דער היינטיגער חסידיזם איז אַוועק זעהר ווייט פונ'ם ריינעם חסידיזם פון בעש"ט.

— אין וואָס איז דער היינטיגער אָפּיציעלער חסידיזם אַוועק פון בעש"טס חסידיזם?

— פּשוט אין דעם, וואָס ער פאַרמאָגט שוין היינט ניט אין זיך, ניט יענע אהבת-המקום, ניט יענע אהבת-ישראל און ניט יענע אהבת התורה.

— וואָס הייסט?

— גאַנץ איינפאַך. רעדען, רעדען היינטיגע חסידים אויך וועגען דעם אַלעמען. זיי מישען אָבער אַריין דערין פיעל זייטיגע זאַכען, פיעל פּשטליך, דרושים און פּלפּולים, אַזוי, אַז דער עיקר זעהט זיך גאָר ניט אַרויס. צווייטענס, און דאָס איז דער עיקר, איז דאָס חסידות היינט געוואָרען ביי אַ טהייל חסידים נור אַ ריין-אויסערליכע זאַך: מען לערנט אָהן טעם; מען דאַווענט אָהן טעם; מען יאָגט זיך נאָך עושר און כבוד ניט ווייניגער, און אַמאָל אויך נאָך מעהר, פון ניט-חסידים; מען האַלט שטענדיג אין איין לויבען דעם אייגענעם „רבי" און אראָבוואַרפען די אַנדערע „רביים" מיט זייערע חסידים; מען האָט אויפגעשטעלט רבישע הויפען מיט רבישע דינאַסטיעס און מען פיהרט שטענדיג די פּאָליטיק פון יענע הויפען מיט יענע דינאַסטיעס; מען פערברענגט אַ שטיק לעבען אין קריגערייען וועגען רבנים, שוחטים און אַנדערע כלי קודש; מען האַלט נור זיך אַליין פאַר שיינע יודען און אַלע איבעריגע יודען — פאַר נישט מיט נישט; מען שטעלט אַריין דאָס גאַנצע חסידות נור אין אויסערען הלוך, אין אויסערליכען לבוש און אין אויסערליכע מנהגים; מען מישט שטענדיג צונויף פאַנאַטיזם מיט פרומקייט; מען איז רודף די יוגענד פאַר קליינינקייטען און נאַרישקייטען און מען איז זי טהייל מאָל מדחה בידים פונ'ם רעליגיעזען יודענטום...

— הייסט נאָך דיר נאָך, אַז די היינטיגע חסידים פערמאָגען אין זיך נאָך ווענ-יגער עכטע און ריינע יודישקייט פון די ניט-חסידים?

— חס ושלום! ערשטענס, האָב איך דאָ גערעדט נור וועגען אַ טהייל פון היינ-טיגע חסידים און ניט וועגען אלע. עס זענען דאָ געוויס פאַראַן היינט אויך גאָר אַנ-דערע חסידים: מיט אַ טיעפער פנימיות, מיט אַ טיעפסטער דביקות, מיט פייערדיגער אהבה צום אויבערשטען, מיט ליעבע צו אַלע יודען, מיט ליעבע צום אמת און שטרעבונג צו שלום, מיט שטאַרקע און קלאָהרע פערשטענדעניש פאַר אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום און אַרום. צווייטענס, האָבען אפילו די אַנדערע חסידים, די חסידים פון אויסערליכקייט און לבוש, אויך פיעל מדות טובות, וואָס אַלע אַנדערע יודען פערמאָגען אין זיך. וואָס פאַר אַ פעהלערען דער היינטיגער חסיד זאָל אין זיך ניט האָבען פערמאָגט ער דאָך אין זיך שטענדיג אַ געוויסע בושה, אַ געוויסע יראה פאַר'ן אויבערשטען, אַ געוויסע צובראָכענ-קייט, עטוואָס שפלות, ענוה, נייגונג צו חסד, צו גוטסקייט, צו ליבשאַפט. נור אַלע, סיי די פנימיות-דיגע חסידים, סיי די אויסערליכע, סיי סתם-יודען, בויטיגען זיך היינט אין אַ נייעם אור, וואָס זאָל אַריינשיינען אין די נשמות, אין חסידות שלעתיד לבוא, אין שטראַהלען פון אורו של משיח...

— ווייל „יבנה" זיין אָט די „חסידות שלעתיד לבא" און אָט די „שטראַהלען פון אורו של משיח"?

— יענע חסידות איז נאָך יעצט ניטאָ. די שטראַהלען פון אור המשיח בעווייזען זיך אויך יעצט קוים, קוים און דאָס אויך נור פאַר בעזונדערע זכי הראות. „יבנה" ווייל אָבער מאַכען די הכנה פאַר דעם. „יבנה" ווייל ביסלעכווייז, ביסלעכווייז מגדל זיין יחידים פאַר דעם. זי ווייל שאַפען כלים פאַר דעם אור, וואָס דאַרף פריהער אָדער שפעטער קומען.

— און אין וואָס וועט די „חסידות שלעתיד לבא" זיין אָבגעטהיילט, ניט נור פון דער יעצטיגער אויסערליכער חסידות נור אויך „פון דער פנימיות'דיגער און אפילו פון בעש"טס חסידות?

— אָבגעטהיילט פון דער פנימיות'דיגער חסידות, און אַ פשיטא שוין פונ'ם בעש"טס חסידות וועט זי בשום אופן ואופן ניט זיין. אדרבה! זי וועט זיין אין גאַנצען געבויט אויף דאָס חסידות פונ'ם בעש"ט. אלא וואָס דען? זי וועט געהן ווייטער, ברייטער און טיעפער, ווי עס פאַסט פאַר אַ צייט פון עקבתא דמשיחא...

— אין וואָס וועט בעשטעהן אָט דאָס ווייטער געהן, פערברייטערונג און פערטיעפונג?

— אין דער צייט פונ'ם בעש"ט איז גענוג געווען, אַז ישראל זאָל לייכטען פאַר זיך. אין היינטיגע צייטען, אין די צייטען, ווען אַ וועלט ווערט חרב און אַ וועלט ווערט געבויט, דאַרף ישראל זיין אַ ליכט אי פאַר זיך, אי פאַר אַלע פעלקער, אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען: „אני ד' קראתיך בצדק ואחזק בידך ואתנך לברית עם לאור גוים" אין עס שטעהט געשריבען: „נקל מהיותך לי עבד להקים את שבטי יעקב ונצורי ישראל להשיב ונתתיך לאור גוים להיות ישועתי עד קצה הארץ" און עס שטעהט ווידער געשריבען: „אז אהפך אל עמים שפה ברורה לקרא כלם בשם ד', לעבדו שכם אחד".

— און אין וואָס נאָך?

— אין דער צייט פון בעש"ט האָט מען געזוכט דעם אור תורה נור אין דער תורה אַליין, אַמאָל אויך אין ספורי העולם, אין וועלכע מען האָט געפונען דעם אור הגנוז („ספרו בגוים את כבודו" לויט דער טיעפער בעמערקונג פון רבי נחמנ'ען: „מכל הדברים צועק כבוד להשי"ת, אפילו מספורי הגוים וכו'). אין די צייטען פונ'ם לעצטען גרויסען בירור מוז מען אָבער זוכען דעם אור-תורה אויך אין די בעסטע קונסט-ווערק און אין וועלטליכע וויסענשאַפטען, צו וועלכע מען דאַרף צו געהן מיט אַ בעזונדער ליכט אין האַנד, מיט אַ בעזונדער פאָרזיכטיגקייט, מיט'ן „נר ד' נשמת אדם חופש כל חדרי בטן", וואָס טהיילט אָב, זוכט און נישטערט, וואַרפט אַוועק די הויפענס פון שקרים און בעקומט דעם קערנדל פון אמת...

— און אין וואָס נאָך?

— אין דער צייט פון בעש"ט זענען נאָך ניט אַזוי שטאַרק פערשאַרפט געווען די קלאַסען-געגענזאַטצען צווישען מענשען און עס איז נאָך נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרען די פאָדערונג פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט מיט איר גאַנצער ערנסטקייט און אמת'דיגקייט. היינט געהן מיר, דורך די שרעקליכע עולות, וואָס ווערען דורך דער וועלט אָנגעטהאָן, דאָך צו אַ מעהר גערעכטע און עהרליכע בעציהונג צו די, וואָס אַרבייטען מיט'ן שווייס פון זייער פנים. אין דער „חסידות שלעתיד לבוא" וועט דעריבער אַריינעמען ווערען

אויך אַלץ, וואָס איז דאָ געזונד, ריין און עהרליך אינ׳ם סאָציאַליזם, כאָטש עס וועט מיט דער גרעסטער פערביטערונג אָבגעוואָרפען ווערען אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ אינ׳ם סאָציאַליזם קליינליך, עגאָאיסטיש, סוחריש-מאַטעריאַליסטיש, אונגערעכטעס, קנאה׳דיגס, נקמה׳דיגס, זוילקייט, פינסטערקייט, טיראַניע פונ׳ם המון און טיראַניע פון אוואַנטוריסטען, וואָס קריכען אַרויף אין דער הויך אויף די פּלייצעס פונ׳ם המון.

אין דער „חסידות שלעתיד לבוא“ וועט אהבת המקום לייכטען און ברענען נאָך מעהר ווי אין די צייטען פון בעש״ט; „אהבת ישראל“ וועט אַריבער געהן אין אַ גרויסער אַלוועלטליכער „אהבת-אדם“, כאָטש ישראל וועט שטענדיג אָנערקענט ווערען אַלס דער בן בכור של הקדוש ברוך הוא, אַלס דער וואָס האָט געטראָגען, טראָגט און וועט טראָגען דאָס געטליכע ליכט; „אהבת-התורה“ וועט פערשפּרייט ווערען אויף אַלץ, וואָס אָטעמט מיט חכמה עליונה, נאָכדעם ווי דאָס אינערליכע ליכט וועט לערנען דעם יודען אונטערשיידען צווישען דעם, וואָס ס׳איז דאָ אין די וועלטליכע וויסענשאַפטען פון דעת עליון און צווישען דעם, וואָס איז דאָ אין זיי פון מענשליכע איינריידענישען, טעותים און שקרים; דער „צדק, צדק תרדוף“, וועט פערשפּרייט ווערען אויף אַלע סאָציאַלע פערהעלטענישען און ניט נור פונ׳ם צווייטען קלאַס וועט מען פאָדערען גערעכטיגקייט (ווי עס טהוען היינט די קאַפּיטאַליסטען פון איין זייט און דער פּראָלעטאַריאַט פון דער צווייטער זייט) נור, קודם כל, פון זיך אַליין און ניט נור אַנ׳ענין פון רבים וועט עס זיין (ווי עס געשעהט היינט), נור אויך און איבערהויפּט, אַנ׳ענין פון יעדען יחיד, וואָס וועט דענקען ניט אַזוי פיעל וועגען דעם, אַז ער זאָל פונ׳ם צווייטען ניט עקספּלאָאַטירט ווערען, ווי וועגען דעם, אַז ער זאָל דעם צווייטען ניט עקספּלאָאַטירען...

— אפשר קענסטו מיר אָנצייכענען אין קורצען, ווי אַזוי דו זעהסט פאַר זיך דעם אמת׳ן חסיד פון דער צוקונפט, צו וועלכען דער היינטיגער „יבנה“-מענש דאַרף זיין אַ הכנה?

— איך וועל עס פּרובען טהון. דער חסיד פון צוקונפט וועט לעבען נור פון אייגענע פיזישע אַרבייט; וועט קיינעם אין דער וועלט ניט עקספּלאָאַטירען; וועט קיינעם אין דער וועלט ניט טהון די מינדסטע עולה; וועט זיין קדוש בקדושתו של מקום; וועט לעבען אין איין אונאויפהערליכע דביקות אין אין-סוף; וועט אויפגעהן אין געטליכען פייער בעת׳ן דאַווענען; וועט לערנען תורה מיט אינערליכען, געטליכען אור; וועט זוכען און געפינען אומעטום דעם אור-תורה און אורו של משיח; וועט אין אַלע זיינע מחשבות און מעשים שטרעבען נור צום אמת׳ן שלום און צו אמת׳ער אחדות; וועט זיין פול מיט ליבע און רחמים צו יעדען יודען, צו יעדען ניט-יודען, צו יעדע בעשעפעניש; וועט שטרעבען צו אויפשטעלען קומת השכינה אין ארץ-ישראל און פערשפּרייטען איהר אור איבער גאָר דער וועלט; וועט זיין דער גרויסער זעהער און דער גרויסער יודע; וועט זיין אין זיינע אייגענע אויגען נישט מיט נישט און נישט אַנ׳אויסערליכע ענוה וועט עס ביי איהם זיין, נור אַ טיעפסטע אינערליכע הכרה, ווייל ער וועט האָבען צו יעדער צייט דעם פולען בעוואוסטזיין פון דעם, אַז ער איז אַ „בריה קטנה, שפלה, אפלה, עומדת בדעת קלה מעוטה לפני תמים דעים“; וועט זיין אין יעדע רגע אַנ׳אמתע מרכבה פאַר׳ן געטליכען, אַנ׳אמתער עבד ד׳, אַ געטרייסטער שליח.